NEW

# לקוטי שיחות

TERUMAH תרומה

VOLUME 1, P. 162–170

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was the first of his family born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# TERUMAH I | תרומה א

Adapted from *sichos* delivered on *Shabbos Parshas Mishpatim,* 5715 and 5718 (1955 and 1958)

## Introduction

When soliciting donations, fundraisers are often caught in a quandary: Should contributors be asked to give according to their means? Should the matter be left to their generosity? Or, perhaps, a standard amount should be asked from everyone?

When the Jewish people were commanded to contribute to the construction of the Sanctuary that they built during their journey through the desert, some donations – those for the sockets and the sacrificial offerings – were fixed at a half-*shekel* per man. Others – those necessary for the construction of the Sanctuary as a whole – were left to the generosity of the heart of every man and woman.

Why each person was asked to donate according to his or her individual tendencies is readily understood. Every person had something special that only he or she could contribute to the Sanctuary. Similarly, today, each one of us has unique potentials and qualities that were granted to us individually. These gifts must be used to build a Sanctuary for G-d – in the world at large and in our individual world.

However, we are bonded together by a commonality that transcends our personal "I," who we are and what capabilities we possess. That transcendent potential becomes manifest in a uniform gift.

Both dimensions of our beings – the individual and the transcendent – find their most complete expression by being included in constructing G-d's Sanctuary.

In the *sichah* that follows, the Rebbe demonstrates how the seemingly technical details of the Sanctuary's construction open a window into understanding the proper sequence and structure necessary to balance these two dimensions of our being in our Divine service.

This teaching carries particular relevance for contemporary spiritual life as we strive to maintain equilibrium between our individual spiritual expressions and our participation in the Divine service of the Jewish people as a collective. The Rebbe's analysis shows how these apparently opposing approaches – universal versus personalized service – complement each other in building both our personal and communal sanctuaries.

# The Foundation of Our Spiritual Sanctuary

## Three Contributions; the Diffferences between Them

**1. The word** ***terumah*** **("contribution") appears three times at the beginning of this week's Torah reading: a) "Take a contribution for Me"; b) "You shall take My contribution from every person whose heart is so moved"; c) "This is the contribution that you shall take from them: gold, silver, and copper."**[1]

**The Talmud**[2] **explains that these three** ***terumos*** **included: a) a half-*****shekel*** **contribution that every man was required to give from which the sockets for the Sanctuary were fashioned; b)** a second **half-*****shekel*** **contribution required of every man "for the altar," to purchase the communal offerings; and c) the contribution for the construction of the Sanctuary and its implements that was given voluntarily by all Jews,** both men and women.

**There was a distinction between these contributions. The contributions used for the sacrificial service and the sockets were** a standard amount, **a half-*****shekel*** **per man, each one** giving **the same sum. By contrast, the contribution for the Sanctuary and its implements had no predetermined amount. Instead,** the contributions varied; **every person gave as much as** he or she **wished to contribute.**

**This requires explanation: Why were the contributions for the sacrifices and sockets**

א. אִין אָנְהוֹיבּ פוּן דֶער הַיְינְטִיקֶער סֶדְרָה שְׁטֵייט דְרַיי מָאל דֶער וָוארְט "תְּרוּמָה": א) וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה; ב) אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי; ג) וְזֹאת הַתְּרוּמָה אֲשֶׁר תִּקְחוּ מֵאִתָּם זָהָב וָכֶסֶף וּנְחֹשֶׁת. זָאגְט אוֹיף דֶעם דִי גְמָרָא[א], אַז דִי דְרַיי תְּרוּמוֹת זַיְינֶען: תְּרוּמַת בֶּקַע לַגֻּלְגֹּלֶת שֶׁנַּעֲשׂוּ מֵהֶם הָאֲדָנִים (אַ תְּרוּמָה וָואס יֶעדֶער אִיד הָאט גֶעדַארְפְט גֶעבְּן אַ מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, פוּן וֶועלְכְן מֶען הָאט גֶעמַאכְט דִי שְׁוֶועלְן צוּם מִשְׁכָּן). תְּרוּמַת הַמִּזְבֵּחַ בֶּקַע לַגֻּלְגֹּלֶת לְקֻפּוֹת לִקְנוֹת מֵהֶם קָרְבְּנוֹת צִבּוּר (דִי תְּרוּמָה פוּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל וָואס יֶעדֶער אִיד הָאט גֶעדַארְפְט גֶעבְּן, פוּן וֶועלְכְן מֶען הָאט גֶעקוֹיפְט קָרְבְּנוֹת צִבּוּר). תְּרוּמַת הַמִּשְׁכָּן נִדְבַת כָּל אֶחָד וְאֶחָד (דִי תְּרוּמָה פַארְן מִשְׁכָּן אוּן זַיְינֶע כֵּלִים).

עֶס אִיז פַארַאן אָבֶּער צְווִישְׁן זֵיי אַ חִילוּק. דִי תְּרוּמוֹת וֶועלְכֶע מֶען הָאט גֶענוּצְט פַאר דִי קָרְבָּנוֹת אוּן פַאר דִי אֲדָנִים זַיְינֶען גֶעוֶוען בֶּקַע לַגֻּלְגֹּלֶת, אַ הַאלְבְּן שֶׁקֶל פַאר יֶעדְן – אַלֶע גְלַייְך. אָבֶּער דִי תְּרוּמָה צוּלִיבּ דֶעם מִשְׁכָּן וְכֵלָיו, אִיז נִיט גֶעוֶוען אִין דֶעם קֵיין בַּאשְׁטִימְטֶער סְכוּם, נָאר וִויפִיל יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעוָואלְט גֶעבְּן.

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס זַיְינֶען תְּרוּמַת קָרְבָּנוֹת אוּן תְּרוּמַת אֲדָנִים

1. *Shmos.* 25:2-3.

2. *Talmud Yerushalmi, **Shekalim*** **1:1.**

**different from the contributions for the other** articles **necessary for the** construction of the **Sanctuary?**

אַנְדֶערְשׁ פוּן דֶער תְּרוּמָה פַאר דִי אִיבֶּערִיקֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן פוּן דֶעם מִשְׁכָּן?

## An All-Encompassing Blemish

**2. The reason why the contributions for** the communal sacrifices **were set at a half-*shekel*, the same for everyone, is understandable. These contributions were meant "to atone for your souls."**[3] **As *Rashi* comments, this phrase refers to the contributions used to purchase communal offerings, "since the sacrificial offerings are brought for atonement."** More particularly, the sacrificial offerings were intended to bring about **atonement for the sin of the** Golden **Calf, as stated in the *Talmud Yerushalmi***[4] **and the Midrash.**[5]

ב. דָאס וָואס תְּרוּמַת הַמִּזְבֵּחַ אִיז בֶּקַע לַגֻּלְגֹּלֶת, פַאר אַלֶעמֶען גְלַייְך, אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק, וַוייְל תְּרוּמַת הַמִּזְבֵּחַ אִיז צוּלִיבּ "לְכַפֵּר עַל נַפְשׁוֹתֵיכֶם" (וְכִדְפֵירֵשׁ רַשִׁ"י, אַז דָאס גֵייט אוֹיף תְּרוּמַת הַמִּזְבֵּחַ לִקְנוֹת מֵהֶם קָרְבְּנוֹת צִבּוּר, "שֶׁהַקָּרְבָּנוֹת לְכַפָּרָה הֵם בָּאִים"), דָאס הֵייסְט אַ כַּפָּרָה אוֹיפְן חֵטְא הָעֵגֶל, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין יְרוּשַׁלְמִי אוּן אִין מִדְרָשׁ.

Now, **the sin of the** Golden **Calf was a collective sin, affecting not only those who participated in it, but also the tribe of Levi who did not participate in the sin, and even Moshe, our teacher, who, at the time** of the sin, was on Mount Sinai, far from **the immediate vicinity** of the sinners. In other words, **he could not even be considered as one who was able to protest** against the sin and possibly prevent it. **Nevertheless, the sin affected him as well,** as reflected in the directive G-d gave him afterwards,[6] **"Go, descend," interpreted by our Sages**[7] as meaning, **"Descend from your greatness."**

דֶער חֵטְא פוּן עֵגֶל אִיז גֶעוֶוען אַ חֵטְא כְּלָלִי, וָואס הָאט אָנְגֶערִירְט נִיט נָאר דִי וָואס הָאבְּן זִיךְ דֶערִין בַּאטֵיילִיקְט, נָאר אוֹיךְ שֵׁבֶט לֵוִי, וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ נִיט בַּאטֵיילִיקְט אִין דֶעם חֵטְא, אוּן אֲפִילוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס עֶר אִיז בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה אֲפִילוּ גָארְנִיט גֶעוֶוען אִין אָט דִי ד' אַמּוֹת, דָאס הֵייסְט עֶר אִיז גָארְנִיט גֶעוֶוען אֲפִילוּ אִין דֶעם גֶּדֶר פוּן מִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ לִמְחוֹת כו' (וָואס מִיט זַיְינֶע מֶעגְלֶעכְקַיְיטְן הָאט עֶר גֶעקֶענְט פַארְוֶוערְן), פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט אוֹיךְ אִים אָנְגֶערִירְט דֶער חֵטְא, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט: "לֶךְ רֵד" וְאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל[ב]: רֵד מִגְּדֻלָּתְךָ (נִידֶער אַרָאפּ פוּן דַיְין גְרוֹיסְקַיְיט).

**The sin of the** Golden **Calf constituted a failue on the part of the entire Jewish people, affecting their perfection as a collective entity,** creating a **blemish** for the people as **a whole. Therefore, the rectification and atonement for it also had to be brought about through a collective act** requiring

אַזוֹי ווִי חֵטְא הָעֵגֶל אִיז גֶעוֶוען אַן עִנְיָן אִין וֶועלְכְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אַלְס

3. *Shmos* 30:15.

4. *Talmud Yerushalmi, Shekalim* 2:3.

5. *Midrash Tanchuma, Parshas Ki Sissa,* sec. 10.

6. Ibid. 32:7.

7. ***Berachos*** **32a.**

everyone to give equally, as appropriate for a matter that affected all the Jewish people .

Since the sin of the Golden Calf affected the Jews as a collective, creating a blemish that impacted the people as a whole, the rectification and atonement for it also needed to come through a collective endeavor. Everyone had to give equally because it influenced the Jewish people as a whole.

שְׁלֵימוּת פוּן כְּלַל, אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן, דָאס הֵייסְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ קִלְקוּל כְּלָלִי, דֶערְפַאר הָאט אוֹיךְ דֶער תִּיקוּן אוּן דִי כַּפָּרָה אוֹיף דֶעם גֶעדַארְפְט זַיְין דוּרְךְ אַן עִנְיָן כְּלָלִי, וָואס אַלֶע הָאבְּן גֶעדַארְפְט גֶעבְּן גְלַיְיךְ, וָוארוּם עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן עִנְיָן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

## Of Cosmic Significance

3. To understand this matter more thoroughly: It is well known that the sin of the Golden Calf was similar in nature to the sin of the Tree of Knowledge. The sin of the Tree of Knowledge caused spiritual impurity to descend into the world. This impurity was eliminated at the Giving of the Torah but returned due to the sin of the Golden Calf.[8]

Accordingly, we can gain a clearer understanding of the sin of the Golden Calf by contemplating the nature of the sin of the Tree of Knowledge and the change brought about by the Giving of the Torah.

At the beginning of creation, "The world was created in a state of perfection"[9] and "the essence of the Divine Presence was present in the lower realms." Due to the spiritual impurity that descended into the world as a result of the sin of the Tree of Knowledge, the world could no longer serve as a conduit for the overt manifestation of G-dliness[10] True, as is well known, "The Patriarchs observed the entire Torah before it was given."[11] However, their observance of the *mitzvos* did not penetrate the physical substance of the world in

ג. פַארְשְׁטֵיין דֶעם עִנְיָן מֶער אוֹיסְפִירְלֶעכֶער:

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט, אַז חֵטְא הָעֵגֶל אִיז אִין דֶעם סוּג פוּן חֵטְא עֵץ הַדַּעַת. דוּרְךְ חֵטְא עֵץ הַדַּעַת יָרְדָה זוּהֲמָא לָעוֹלָם, וּבִשְׁעַת מַתַּן תּוֹרָה פָּסְקָה זוּהֲמָתָן וְעַל יְדֵי חֵטְא הָעֵגֶל חָזְרָה[ג].

דֶערְפוּן אִיז מוּבָן, אַז מֶען קֶען קְלֶערֶער פַארְשְׁטֵיין דֶעם עִנְיָן פוּן חֵטְא הָעֵגֶל דוּרְךְ אַרַיְינְטְרַאכְטְן אִין וָואס עֶס אִיז בַּאשְׁטַאנֶען דֶער חֵטְא עֵץ הַדַּעַת, אוּן אִין דֶעם עִנְיָן פוּן מַתַּן תּוֹרָה.

אִין אָנְהוֹיבּ פוּן דֶער בְּרִיאָה אִיז גֶעוֶוען "עוֹלָם עַל מִלּוּאוֹ נִבְרָא"[ד], אוּן "עִיקַר שְׁכִינָה בַּתַּחְתּוֹנִים הָיְתָה"[ה]. דוּרְךְ דֶעם חֵטְא עֵץ הַדַּעַת אִיז יָרְדָה זוּהֲמָא לָעוֹלָם, אוּן צוּלִיבּ דֶעם אִיז דִי וֶועלְט נִיט גֶעוֶוען קֵיין כְּלִי צוּ אֱלֹקוּת בְּגִילוּי. וִוי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט, אַז הֲגַם קִיְּמוּ הָאָבוֹת כָּל הַתּוֹרָה עַד שֶׁלֹּא נִיתְּנָה (כָאטשׁ דִי אָבוֹת הָאבְּן מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אֵיידֶער זִי

---

8. *Shabbos* 146a; *Zohar,* Vol. I, p. 52b.

9. See *Bereishis Rabbah* 12:6.

10. Ibid. 19:7, *et al.* See the *maamar* entitled *Basi LeGani,* 5710.

11. See *Yoma* 28b, *Kiddushin* 82a, *et al.*

**an internal way. The spiritual and the physical** remained two distinct spheres,[12] **separate from one another; spirituality could not reside within physicality in an internalized, integrated manner.**[13]

**The accomplishment of the Giving of the Torah was that** it **removed this spiritual impurity, refining the world. This** refinement **made it possible for the Torah and its *mitzvos* to permeate physical objects,** thereby **enabling physicality to become a conduit for G-dliness.**

**The sin of the** Golden **Calf reawakened the spiritual impurity of the sin of the Tree of Knowledge,** affecting **the world as a whole.**

**The accomplishment of the Giving of the Torah certainly remained even after the sin of the** Golden **Calf,**[14] **for even now there exists a distinction between Jews and non-Jews. At present as well, the Jews retain** the potential **to connect and unite physicality with G-dliness** through their observance of the **Torah and its *mitzvos* with material entities. Nevertheless, a measure of spiritual impurity returned. This impurity affects not only individual people and specific matters but also the world as a whole.**

**The rectification for the sin of the** Golden Calf came through **the half-*shekel*** contribution, **regarding which** the Torah **states,**[15] ***Zeh yitnu,* "This [is what] they shall give." The word *zeh,* "This," indicates revelation.** This understanding is reflected in **our Sages'**[16] interpretation of that word regarding the miracle of the splitting of the Sea of Reeds. At that time, the revelation of G-dliness was manifest so openly that **"each person would point with his finger and say, 'This (*zeh*) is my G-d.'"**[17]

The implication of *zeh yitnu* is **that** giving **the half-*shekel* and the service of the sacrifices** that

אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן), אִיז דָאס אָבֶּער נִיט גֶעוָוען פַארְבּוּנְדְן מִיטְן גֶשֶם פוּן וָועלְט בְּאוֹפֶן פְּנִימִי, וָוארוּם רוּחְנִיוּת מִיט גַשְמִיוּת זַיְינֶען גֶעוָוען וַוְיט אֵיינֶע פוּן דִי צְוֵוייטֶע – רוּחְנִיוּת הָאט נִיט גֶעקֶענְט שְטֵיין אִין גַשְמִיוּת אִין אַ פְּנִימִיוּת אוּן אִין אַן אוֹפֶן פוּן קְלִיטָה[ו].

דֶער אוֹיפְטוּ פוּן מַתַּן תּוֹרָה אִיז גֶעוָוען, אַז עֶס אִיז אַרָאפּ דִי זוּהֲמָא, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַן אוֹיסְלֵייטֶערוּנְג אִין וָועלְט, אוּן דֶערְפַאר קֶענֶען זַיְין תּוֹרָה וּמִצְוֹת אִין דְבָרִים גַשְמִיִּים בִּפְנִימִיוּת, מֶען זָאל קֶענֶען מַאכְן פוּן גַשְמִיוּת אַ כְּלִי צוּ גֶ־טְלֶעכְקַיְיט.

חֵטְא הָעֵגֶל הָאט מְעוֹרֵר גֶעוָוען צוּרִיק דִי זוּהֲמָא פוּן חֵטְא עֵץ הַדַּעַת אִין כְּלָלוּת הָעוֹלָם.

דֶער אוֹיפְטוּ פוּן מַתַּן תּוֹרָה אִיז זִיכֶער גֶעבְּלִיבְּן אוֹיךְ נָאכְן חֵטְא הָעֵגֶל[ז], וָוארוּם אוֹיךְ אִיצְטֶער אִיז דָא אַ חִילוּק צְוִוישְן אִידְן מִיט, לְהַבְדִּיל, נִיט־אִידְן. בַּיי אִידְן אִיז אוֹיךְ אִיצְטֶער גֶעבְּלִיבְּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת בְּגַשְמִיוּת, וָואס זֵייעֶר עִנְיָן אִיז צוּ בַּאהֶעפְטְן אוּן פַארְאֵיינְצִיקְן גַשְמִיוּת מִיט אֱלֹקוּת. אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז אַ גֶעוִויסֶע מָאס זוּהֲמָא צוּרִיקְגֶעקוּמֶען, אוּן דִי זוּהֲמָא אִיז נִיט נָאר אִין אֲנָשִים פְּרָטִיִּים אוּן עִנְיָנִים פְּרָטִיִּים, נָאר אוֹיךְ אִין כְּלָלוּת הָעוֹלָם.

דֶער תִּיקוּן אוֹיפְן חֵטְא הָעֵגֶל אִיז מַחֲצִית הַשֶּקֶל, וָואס בַּיי דֶעם שְטֵייט: זֶה יִתְּנוּ, "זֶה" לְשוֹן גִילוּי, כְּמַאֲמַר רַזַ"ל: כָּל אֶחָד וְאֶחָד מַרְאֶה בְּאֶצְבָּעוֹ וְאוֹמֵר זֶה אֵ־לִי[ח], דָאס הֵייסְט אַז דוּרְךְ מַחֲצִית הַשֶּקֶל אוּן עֲבוֹדַת הַקָּרְבָּנוֹת,

12. To quote *Shmos Rabbah* 12:3, there was a Divine decree separating the two realms.

**13. See *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 41.**

**14. See the gloss of *Nitzutzei Oros* on *Zohar,* Vol. III, p. 14b.**

15. *Shmos* 30:13.

**16. *Shmos Rabbah* 23:15.**

17. *Shmos* 15:2.

it made possible – **and in present times, the service of prayer that was instituted in place of the sacrifices**[18] **– remove spiritual impurity and draw down the revelation of G-dliness within the world again.**

און בִּזְמַן הַזֶּה דורךְ עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה וואָס בִּמְקוֹם קָרְבָּנוֹת תִּקְנוּם, נעמט מען אַראָפּ די זוּהֲמָא און מען איז מַמְשִׁיךְ צוּריק גִילוּי אֱלֹקוּת אין וועלט.

**From this, we can understand that both the sin of the** Golden Calf **and its rectification are matters that affect the world as a whole.**

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז סיי דער חֵטְא הָעֵגֶל, סיי דער תִּיקוּן אויף דעם, זיינען עִנְיָנִים כְּלָלִיִּים.

## Subsumed in a Communal Entity

**4. On this basis, we can understand several laws applying to the half-*shekel*** contribution:

ד. דערמיט וועט מען פאַרשטיין כַּמָּה דִינִים וואָס זיינען געווען אין מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל:

a) **The money that each man gave became communal property.**[19] True, **each man gave his own money. However, he had to give it in a manner that caused it to cease being** his **private property.** Moreover, the money from these contributions did **not even** resemble the resources belonging to **a partnership of several individuals. Instead,** it no longer belonged to any one or group of persons; **it became communal funds.**[20]

א) די געלט וואָס יעדער איינער האָט געגעבן איז געוואָרן מָמוֹן צִבּוּר. יעדער איינער האָט געגעבן זיינע אייגענע געלט, אָבער ער האָט דאָס געדאַרפט אַוועקגעבן אויף אַזאַ אוֹפֶן אַז עס זאָל ווערן אויס מָמוֹן יָחִיד, אויךְ ניט קיין שׁוּתָּפוּת פון עטלעכע יְחִידִים, נאָר צִיבּוּר־געלט.

b) **The money from the half-*shekel*** contributions **was used specifically to purchase communal sacrificial offerings** and not individual sacrifices.

ב) פאַר די געלט פון מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל האָט מען געקויפט קָרְבְּנוֹת צִבּוּר דַּוְקָא.

**In his Commentary to the Mishnah, in the Introduction to the Order of *Kodshim*, *Rambam* explains that there are four categories of sacrificial offerings: a) communal offerings, b) individual offerings, c) communal offerings that resemble individual offerings, and d) individual offerings that resemble communal offerings.**

דער רַמְבַּ"ם אין זיין הַקְדָּמָה צוּ פֵּירוּשׁ הַמִּשְׁנָיוֹת (סֵדֶר קָדָשִׁים) דערקלערט, אַז ס'זיינען פאַראַן פיר מִינִים אין קָרְבָּנוֹת: א) קָרְבְּנוֹת צִבּוּר, ב) קָרְבַּן יָחִיד, ג) קָרְבַּן צִבּוּר דּוֹמֶה לְקָרְבַּן יָחִיד, ד) קָרְבַּן יָחִיד דּוֹמֶה לְקָרְבַּן צִבּוּר.

**Communal offerings are those that have a fixed**

קָרְבַּן צִבּוּר זיינען די קָרְבָּנוֹת וואָס

---

18. *Berachos* 26b.

19. In Jewish Law, a *tzibbur* ("community") represents more than a collection of individuals who join together for a common purpose. Instead, it constitutes a communal entity that takes on an identity greater than the sum of its parts. See *Mafanei'ach Tzefunos,* ch. 4, secs. 2 and 4, *et al.*

20. Indeed, the question whether the communal offerings share any connection to the individuals who donated to them is the subject of an intricate and complicated *halachic* inquiry. See the discussion in *Likkutei Sichos,* Vol. 33, p. 109ff.

הָאבְּן אַ בַּאשְׁטִימְטְן זְמַן און מֶען אִיז זֵיי מַקְרִיב אַלְס צִבּוּר, אַזוֹי ווִי תְּמִידִין און מוּסָפִין. קָרְבַּן יָחִיד זַיינֶען דִי קָרְבָּנוֹת וואָס הָאבְּן נִיט קֵיין בַּאשְׁטִימְטְן זְמַן און יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז זֵיי מַקְרִיב אַלְס יָחִיד. קָרְבַּן צִבּוּר דּוֹמֶה לְקָרְבַּן יָחִיד זַיינֶען דִי קָרְבָּנוֹת וואָס מֶען אִיז זֵיי מַקְרִיב אַלְס צִבּוּר, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִיט קֵיין בַּאשְׁטִימְטְן זְמַן, אַזוֹי ווִי פַּר הֶעְלֵם דָּבָר. קָרְבַּן יָחִיד דּוֹמֶה לְקָרְבַּן צִבּוּר זַיינֶען דִי קָרְבָּנוֹת וואָס מֶען אִיז זֵיי מַקְרִיב אַלְס יָחִיד, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן אַ בַּאשְׁטִימְטְן זְמַן, אַזוֹי ווִי קָרְבַּן פֶּסַח.

קָרְבַּן יָחִיד, אוֹיךְ קָרְבַּן יָחִיד וואָס דּוֹמֶה לְקָרְבַּן צִבּוּר, הָאט מֶען נִיט גֶעקוֹיפְט פוּן דִי גֶעלְט פוּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל. ווֶעגְן קָרְבַּן צִבּוּר דּוֹמֶה לְקָרְבַּן יָחִיד אִיז פַאראַן אַ פְּלוּגְתָּא[כא], און דִי הֲלָכָה בְּלַייבְּט, אַז אוֹיךְ זֵיי הָאט מֶען נִיט גֶענוּמֶען פוּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, נָאר דַּוְקָא אוֹיף קָרְבַּן צִבּוּר מַמָּשׁ הָאט מֶען גֶענוּמֶען פוּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל.

דֶער טַעַם פְּנִימִי אוֹיף בֵּיידֶע דִינִים: ווִיבַּאלְד אַז מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל אִיז גֶעווֶען אַן עִנְיָן כְּלָלִי, הָאט עֶס גֶעדַארְפְט זַיין מָמוֹן צִבּוּר און מֶען הָאט עֶס פַארְנוּצְט אוֹיף קָרְבְּנוֹת צִבּוּר מַמָּשׁ.

time and are offered on behalf of the community, e.g., the daily and additional offerings** brought on *Shabbos,* Rosh Chodesh, and the festivals. **Individual offerings are those that have no fixed time and are offered by each person as an individual. Communal offerings that resemble individual offerings are those that are offered on behalf of the community but have no fixed time, such as the bull offering** brought when the *Sanhedrin* make an oversight in judgment. **Individual offerings that resemble communal offerings are those that are offered by an individual but have a fixed time, such as the Pesach sacrifice.**

**Only communal offerings in the most complete sense were purchased with** money from **the half-*shekel*** contributions. **Individual offerings – even those that resemble communal offerings – were not purchased with** those funds. **The Sages**[21] **differ regarding whether** funds from the half-*shekel* contributions could be used to purchase **communal offerings that resemble individual offerings.** Nevertheless, **the final legal ruling is that even these may not be purchased with such funds.**

**The inner,** underlying **reason for both these laws: Since the half-*shekel* contributions were a communal matter,** the funds collected **had to become communal property and** had to be **used specifically** only **for communal offerings in the most complete sense.**

## Why Uniformity?

ה. דָּאס אִיז דִי דֶערְקְלֶערוּנְג פַארְווָאס תְּרוּמַת הַמִּזְבֵּחַ הָאבְּן גֶעגֶעבְּן אַלֶע גְלַייךְ. אָבֶּער בְּנוֹגֵעַ תְּרוּמַת הָאֲדָנִים אִיז נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק, פַארְווָאס הָאט אִין דֶעם גֶעדַארְפְט זַיין בֶּקַע לַגֻּלְגֹּלֶת דַּוְקָא?

5. **The above explains why every man gave an equal amount for the contribution** used to purchase **the sacrificial offerings. However,** the need for a uniform **contribution for the sockets** still **requires clarification: Why did this** contribution **need to be specifically a half-*shekel*** **per man?**

---

21. *Menachos* 52a.

**An even stronger question** can be posed: **The sockets were, after all, part of the Sanctuary. Thus, both contributions – the contribution for the sockets and the contribution for** the construction of **the Sanctuary** as a whole – **were** given **exclusively for the Sanctuary and its implements (distinguishing them from the contribution** for **sacrificial offerings). If so, why were they divided into two separate categories?** And why the **difference in the laws** applying to them – **that the contributions for the Sanctuary** as a whole **were given** by **"every person whose heart [was] so moved," according to their individual desire,** differing from person to person, **while the contributions for the sockets were** a standard amount, **"a half-*shekel* per man"?**

נָאךְ מֶער אִיז נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק: דִי אֲדָנִים זַיְינֶען דָאךְ אַ טֵייל פוּן מִשְׁכָּן, קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז בֵּיידֶע תְּרוּמוֹת (תְּרוּמַת הָאֲדָנִים אוּן תְּרוּמַת הַמִּשְׁכָּן) זַיְינֶען נָאר צוּלִיב דֶעם מִשְׁכָּן אוּן זַיְינֶע כֵּלִים (וָואס דֶערְמִיט טֵיילְן זֵיי זִיךְ אוֹיס פוּן תְּרוּמַת הַמִּזְבֵּחַ), הַיְינְט פַארְוָואס טֵיילְן זֵיי זִיךְ גוּפָא אוֹיף צְווֵיי בַּאזוּנְדֶערֶע תְּרוּמוֹת, וָואס זַיְינֶען פַארְשִׁידְן אוֹיךְ אִין זֵייעֶרֶע דִינִים, תְּרוּמַת הַמִּשְׁכָּן אִיז "אִישׁ כְּפִי אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ" אוּן תְּרוּמַת הָאֲדָנִים – "בֶּקַע לַגֻּלְגֹּלֶת"?

## The Uniqueness of the Sockets

**6. The** ***Talmud Yerushalmi***[2] **explains** how **each of the three mentions of** ***terumah*** **in the verse hints at** a different **contribution: "Take a contribution for Me," refers to the contribution for the sockets; "You shall take My contribution"** – refers **to the contribution** used to purchase **sacrificial offerings; "This is the contribution that you shall take from them…"** – refers **to the contribution for the Sanctuary.**

ו. דֶער יְרוּשַׁלְמִי טַיְיטְשְׁט אוֹיס דִי דְרַיי מָאל תְּרוּמָה וָואס אִין פָּסוּק, יֶעדֶער אֵיינֶער, אוֹיף וֶועלְכֶער תְּרוּמָה זִי אִיז מְרַמֵּז: וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה גֵייט אוֹיף תְּרוּמַת הָאֲדָנִים; תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי – אוֹיף תְּרוּמַת הַמִּזְבֵּחַ; וְזֹאת הַתְּרוּמָה אֲשֶׁר תִּקְחוּ מֵאִתָּם גו' – אוֹיף תְּרוּמַת הַמִּשְׁכָּן.

**The** obligation to give these different contributions **is derived from the verses** in the following manner: The verse, **"This is the contribution that you shall take from them" – which mentions "gold, silver, copper"** and proceeds to list **all thirteen**[22] **or fifteen**[23] **items** given by the Jews – **refers to the contributions for the Sanctuary. The verse, "You shall take My contribution," includes the phrase, "whose heart is so moved," and thus, refers to the sacrifices regarding whose offering the intention of the heart is significant.**[24] **Similarly, the prayers that were instituted to correspond to the daily offerings are** deemed **"service of the heart,"**[25] for **the essential aspect of prayer**

דֶער אוֹפֶן הַלִּמּוּד אִין פָּסוּק אִיז: בַּיי וְזֹאת הַתְּרוּמָה אֲשֶׁר תִּקְחוּ מֵאִתָּם זָאגְט עֶר זָהָב וָכֶסֶף וּנְחֹשֶׁת וגו', דִי אַלֶע דְרַיְיצְן צִי פוּפְצְן זַאכְן – גֵייט דָאס אוֹיף נִדְבַת הַמִּשְׁכָּן. בַּיי דֶעם פָּסוּק תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי זָאגְט עֶר אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ, דֶערְפַאר גֵייט עֶס אוֹיף קָרְבָּנוֹת וָואס אִין זֵיי אִיז נוֹגֵעַ מַחֲשָׁבָה שֶׁבְּלֵב (אַזוֹי אוֹיךְ תְּפִלּוֹת שֶׁכְּנֶגֶד תְּמִידִין תִּקְנוּם, אִיז דָאךְ תְּפִלָּה – עֲבוֹדָה שֶׁבְּלֵב',

22. Enumerated in *Shmos* 25:3-7. See *Rashi, Shmos* 25:2; *Yechezkel* 16:13; *Zohar,* Vol. II, p. 148a.

23. See the supercommentaries on *Rashi,* loc. cit., which offer different reckonings of the total number of items donated. See also *Likkutei Sichos,* Vol. 3, p. 902, footnotes 1 and 2.

24. See *Zevachim* 46b.

**25.** ***Taanis*** **2a.**

**is thought,** sincerely praying to G-d[26] while focusing on bonding with Him.

דֶער עִיקָר פוּן תְּפִלָּה אִיז מַחֲשָׁבָה).

Thus, **the remaining verse, "Take for Me a contribution,"** is interpreted as **referring to the** contribution for the **sockets. According to this** explanation, **לי, which means "for Me," appears specifically in** connection with **the contribution for the sockets.**

בְּלַייבְּט אִיבֶּער דֶער פָּסוּק פוּן וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה, וָואס גֵייט אוֹיף דִי אֲדָנִים.

לוֹיט דֶעם – שְׁטֵייט דֶער וָוארְט "לִי" בַּיי דֶער תְּרוּמָה פוּן אֲדָנִים דַּוְקָא.

**In truth, the phrase "take for Me" applies to all three contributions – and on a deeper level, to the Torah and its *mitzvos* as a whole. As explained in *Tanya*[27] (which cites the *Zohar*[28]),** "Take for Me" implies **that through the Torah and its *mitzvos*, "you are [in effect] taking Me." Nevertheless, the word לי, "for Me" is explicitly stated** only **regarding the sockets.**

בֶּאֱמֶת גֵייט דֶער וְיִקְחוּ "לִי" אוֹיף אַלֶע דְרַיי תְּרוּמוֹת, אוּן נָאךְ טִיפֶער – אוֹיף כְּלָלוּת הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹות, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין תַּנְיָא בְּשֵׁם הַזֹּהַר[יא], אַז דוּרְךְ תּוֹרָה וּמִצְוֹות אִיז וְיִקְחוּ לִי – אוֹתִי אַתֶּם לוֹקְחִים, אָבֶער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן שְׁטֵייט דֶער וָוארְט "לִי" בְּפֵירוּשׁ בַּיי אֲדָנִים דַּוְקָא.

Building **on this, we see yet another distinction between the sockets and the other elements of the Sanctuary and the sacrifices: Specifically in** connection with **the sockets, is the** concept of **"for Me" explicitly stated.** The use of that term is significant, as our Sages taught,[29] **"Whenever [the term] 'for Me' appears [in Scripture,] it [implies something that] is not subject to change."**

זֶעט מֶען דֶערְפוּן נָאךְ אַ חִילּוּק פוּן דִי אֲדָנִים מִיט דִי אִיבֶּערִיקֶע טֵיילְן פוּן מִשְׁכָּן (אוּן דִי קָרְבָּנוֹת), וָואס אִין דִי אֲדָנִים דַּוְקָא אִיז דֶער "לִי" בְּגִילּוּי, וְכָל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר לִי אֵינוֹ זָז לְעוֹלָם[יב].

## The Sockets Within Our Souls

**7. The difference between the sockets and the other elements of the Sanctuary, vis-à-vis the two distinctions mentioned, can be understood** more clearly **by first exploring the counterpart of the sockets within a person's soul.**

ז. דֶעם חִילּוּק פוּן דִי אֲדָנִים מִיט דִי אַנְדֶערֶע טֵיילְן פוּן מִשְׁכָּן אִין בֵּיידֶע דֶערְמָאנְטֶע חִילּוּקִים, וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין דֶערְקְלֶערְנְדִיק פְרִיעֶר דֶעם עִנְיָן פוּן אֲדָנִים אִין נֶפֶשׁ הָאָדָם.

**Commenting on the verse,[30] "They shall make Me a Sanctuary and I will dwell within them," our Sages[31] note that the verse "does not say 'within it,' but rather [uses the plural], 'within them' – [meaning] within each and every Jew." Accordingly, we understand that all the elements of the Sanctuary,**

אוֹיפְן פָּסוּק וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם, זַיְינֶען מְדַיֵּיק דִי רַזַ"ל[יג]: בְּתוֹכוֹ לֹא נֶאֱמַר אֶלָּא בְּתוֹכָם בְּתוֹךְ כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל. בְּמֵילָא אִיז מוּבָן, אַז אוֹיךְ אִין דֶעם מִשְׁכָּן וּמִקְדָּשׁ הָרוּחְנִי וָואס אִין

26. See *Likkutei Sichos,* Vol. 22, p. 116; Vol. 35, p. 127.

27. *Tanya,* ch. 47.

28. *Zohar,* Vol. II, p. 140b.

29. *Vayikra Rabbah* 2:2. See also *Likkutei Torah, Bamidbar*, p. 9c.

30. *Shmos* 25:8.

31. See *Reishis Chochmah*, *Shaar HaAhavah*, ch. 6 (close to the beginning); *Shalah, Shaar HaOsios, os lamed; Maseches Taanis,* s.v. *mei'inyan haavodah; Parshas Terumah, chelek Torah Or,* pp. 325b, 326b.

**including the sockets, exist in the spiritual Sanctuary within every Jew.**

יֶעדְן אִידְן, זַיְינֶען פַּאַראַן אַלֶע טֵיילְן פוּן דֶעם מִשְׁכָּן, אוֹיךְ דֶער טֵייל פוּן דִי אֲדָנִים.

## What Supports Everything

**8. The sockets were the lowest elements of the Sanctuary. Nevertheless, specifically they served as the foundation for the entire Sanctuary,** supporting **even the beams and the curtains although they were higher** – and represented loftier spiritual levels – **than the sockets.**

ח. דִי אֲדָנִים זַיְינֶען גֶעוֶוען דֶער נִידֶערִיקְסְטֶער טֵייל פוּן מִשְׁכָּן. פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זַיְינֶען זֵיי דַוְקָא גֶעוֶוען דֶער יְסוֹד פוּן דֶעם גַאנְצְן מִשְׁכָּן, אוֹיךְ פוּן דִי קְרָשִׁים וִירִיעוֹת, כָאטשׁ זֵיי זַיְינֶען גֶעוֶוען הֶעכֶער פוּן דִי אֲדָנִים.

**In a person's Divine service, the counterpart of the sockets is humility and *bittul*** ("self-nullification"). **In a person's soul, the** spiritual **counterpart to the beams are the internalized powers, intellect and emotions. Therefore, they were ten cubits** high, **corresponding to the ten powers of the soul.**[32] **The curtains represent the encompassing powers,** will and pleasure, that transcend a person's conscious powers.

אִין עֲבוֹדַת הָאָדָם אִיז דֶער עִנְיָן פוּן אֲדָנִים – שִׁפְלוּת וּבִיטוּל.

דִי קְרָשִׁים בְּנֶפֶשׁ הָאָדָם זַיְינֶען דִי כֹּחוֹת פְּנִימִיִּים, שֵׂכֶל אוּן מִדּוֹת. דֶערְפַאר זַיְינֶען זֵיי עֶשֶׂר אַמּוֹת, כְּנֶגֶד עֶשֶׂר כֹּחוֹת הַנֶּפֶשׁ[ד]. דִי יְרִיעוֹת זַיְינֶען דִי כֹּחוֹת מַקִּיפִים.

**The sockets,** the lowest element of the sancturary, correspond to Divine service **which is lower then all** the other **particular forms of Divine service.** This alludes to **the qualities of humility and *bittul* that characterize *kabbalas ol* (the acceptance of G-d's yoke.) Nevertheless, specifically** the sockets, and their spirtual counterpart, *kabbalas ol*, served as **the foundation of the entire Sanctuary.** This is reflected in the phrase from our prayers, **"Let my soul be as dust to all," which leads to** the blossoming of our inner powers, as the phrase continues, **"open my heart to Your Torah and let my soul pursue Your commandments."**

דִי אֲדָנִים זַיְינֶען נִידֶערִיקֶער פוּן אַלֶע עֲבוֹדוֹת פְּרָטִיּוֹת, דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן שִׁפְלוּת אוּן בִּיטוּל פוּן קַבָּלַת עֹל. פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז דָאס דַוְקָא דֶער יְסוֹד פוּן גַאנְצְן מִשְׁכָּן, ווִי מִיר זָאגְן: וְנַפְשִׁי כֶּעָפָר לַכֹּל תִּהְיֶה, אוּן דוּרְךְ דֶעם דַוְקָא אִיז: פְּתַח לִבִּי בְּתוֹרָתֶךָ וּבְמִצְוֹתֶיךָ תִּרְדּוֹף נַפְשִׁי.

## Laying the Foundation

**9.** The identification of the sockets with humility and *bittul* **also explains why the contribution for the sockets was collected only in the first year, while the other**

ט. דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער טַעַם וָואס תְּרוּמַת הָאֲדָנִים אִיז גֶעוֶוען נָאר דֶעם עֶרְשְׁטְן יָאר,

---

32. See *Tikunei Zohar, tikun* 19, p. 61a.

**contributions continued in subsequent** years.

**The fundamental point is: Humility and *bittul* are the foundation and beginning of Divine service. These** qualities **must be established first. Afterwards, once this foundation is in place, one** can **proceed with the particular** and more developed **levels of Divine service.**

**This is why** each **day's Divine service begins with** the recitation of ***Modeh Ani*** immediately upon awakening **and** the opening prayer of ***Hodu LaHavayah***, the first rung in the ladder of prayer.[33] **Divine service must begin with – and be based on – acknowledgment and *bittul*. Only afterwards** can **the particular** and more advanced stages of the prayer service follow: **the verses of praise, the blessings before the *Shema*, the *Shema*** itself, **etc.**

אָבֶּער די אַנְדֶערֶע תְּרוּמוֹת זַיְינֶען גֶעוָוען אוֹיךְ שְׁפֶּעטֶער.

דֶער עִנְיָן אִיז: שִׁפְלוּת און בִּיטוּל זַיְינֶען דֶער יְסוֹד און אָנְפַאנְג פוּן עֲבוֹדָה, דָאס דַארְף מֶען הָאבְּן צוּם אַלֶעם עֶרְשְׁטְן, און דֶערְנָאךְ, בְּשַׁעַת מֶען הָאט שׁוֹין דֶעם יְסוֹד, דַארְף מֶען טָאן אִין מַדְרֵיגוֹת פְּרָטִיּוֹת אִין עֲבוֹדָה.

דֶערְפַאר אִיז דֶער אָנְהוֹיבּ פוּן דֶער עֲבוֹדָה פוּן טָאג – מוֹדֶה אֲנִי און הוֹדוּ לַהֲוָיָ', וָוארוּם הוֹדָאָה וּבִיטּוּל זַיְינֶען הַתְחָלַת וִיסוֹד הָעֲבוֹדָה, און דֶערְנָאךְ קוּמֶען די מַדְרֵיגוֹת פְּרָטִיּוֹת: פְּסוּקֵי דְזִמְרָה, בִּרְכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע, קְרִיאַת שְׁמַע וכו'.

## A Fundamental Commonality

**10. Based on the above, we can understand the two distinctions between the sockets and the other elements of the Sanctuary:**

When it comes to **internal Divine service** – service with our powers of intellect, emotion, will and pleasure – that are represented by **the beams and curtains – there are differences between individuals, for each person must serve G-d with his own** unique **powers and faculties. However,** variations between the Divine service of different people only exist concerning the Divine service of the heart and the mind. By contrast, ***kabbalas ol*** gives expression to a level of ***bittul* in which all are equal.**

**How does one** connect with **G-d's Essence,** the

י. לוֹיט דֶעם וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין בֵּיידֶע חִילּוּקִים צְווִישְׁן די אֲדָנִים מִיט די אַנְדֶערֶע טֵיילְן פוּן מִשְׁכָּן:

אִין עֲבוֹדוֹת פְּנִימִיּוֹת – קְרָשִׁים און יְרִיעוֹת – אִיז דָא אַ חִילּוּק פוּן אֵיינֶעם בִּיז אַ צְווֵייטֶער, וַוייל יֶעדֶער דַארְף דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט זַיְינֶע כֹּחוֹת וְחוּשִׁים. אָבֶּער אִין דֶעם בִּיטּוּל פוּן קַבָּלַת עֹל זַיְינֶען אַלֶע גְלַייךְ.

דוּרְךְ וָואס נֶעמְט מֶען עַצְמוּת,

33. Both the words *modeh* and *hodu* reflect the service of *hodaah*, "acknowledgment." Acknowledgment of another's position as correct involves a humble recognition that that even though one does not comprehend that position entirely because it is above his own level of understanding, he realizes its truth and accepts it, recognizing it as a higher perspective above his own.

Similarly, regarding our relationship with G-d, *hodaah* reflects the willingness to go beyond our own limited perspective and bend ourselves to His will. As we renew our bond with G-d each day — upon awakening and as we begin our prayers — we emphasize our humble submission to His will.

dimension alluded to by the word **לִי, "for Me,"** and stated explicitly only concerning the sockets? **Specifically through *bittul*.** As Scripture relates regarding the revelation to the Propher Eliyahu,[34] **"G-d is not in the wind... not in the earthquake... not in the fire,"** but in **"the still, small voice."** However, as the *Zohar*[35] relates, **in that** "still, small voice… **there the King comes."** (**These four aspects of Divine service,** alluded to in the above verse, **are explained at length in the series of *maamarim*** entitled ***BeShaah Shehikdimu, 5672.***[36])

"לִי" – דוּרְךְ בִּיטוּל דַּוְקָא. לֹא בָאֵשׁ הֲוָיָ', לֹא בָרַעַשׁ הֲוָיָ' וְלֹא בָרוּחַ הֲוָיָ', נָאר אִין קוֹל דְּמָמָה דַקָּה – תַּמָּן קָא אָתֵי מַלְכָּא (וְכִמְבוּאָר בַּאֲרוּכָה ד' עִנְיָנִים אֵלּוּ בַּעֲבוֹדַת הָאָדָם בְּהֶמְשֵׁךְ תֶּעֶרַ"ב).

## Taking Further Steps

**11. Although *kabbalas ol* and *bittul* form the foundation of Divine service, as discussed above, they are only the foundation. Consummate Divine service requires devoting one's internalized powers – intellect and emotions – to G-d as well. For this** reason, a **half-*shekel* is insufficient. When offering** a sacrifice, our Sages teach,[37] **"A wealthy person who brings a poor person's offering does not fulfill his obligation."** Similarly, in the spiritual counterpart, **every person must commit all of his entire intellectual and emotional capacities, to G-d's** service.

**Conversely, however, "A poor person who brings a wealthy person's offering fulfills his obligation." As stated by the commentators on that source,**[38] **this** maxim **does not merely apply after the fact; doing so is acceptable, even as an initial preference. Indeed, it is a conduit for blessing.**[39]

What is **the spiritual parallel to** a poor person bringing an offering fit for a rich man? Our Sages teach,[40] "[The true definition of] poverty is solely a dearth of knowledge." Similarly, in the instance at hand, one may be **"poor in knowledge" – lacking in his study of *ni-***

יא. הֲגַם דֶער יְסוֹד הָעֲבוֹדָה אִיז קַבָּלַת עֹל אוּן בִּיטוּל, אָבֶּער, ווִי גֶערֶעדט פְרִיעֶר, אִיז דָאס נָאר דֶער יְסוֹד. שְׁלֵימוּת הָעֲבוֹדָה אִיז, מֶען זָאל אַוועקְגֶעבְּן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ דִי כֹּחוֹת פְּנִימִיִּים, שֵׂכֶל אוּן מִדּוֹת. אוּן אִין דֶעם קֶען מֶען נִיט יוֹצֵא זַיְין מִיט מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, נָאר אַזוֹי ווִי דֶער דִין אִיז בַּיי קָרְבָּנוֹת: עָשִׁיר שֶׁהֵבִיא מִנְחַת עָנִי לֹא יָצָא[טו]. בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם מָאנְט מֶען, אַז עֶר זָאל אַוועקְגֶעבְּן זַיְין גַאנְצְן שֵׂכֶל מִיט דִי גַאנְצֶע מִדּוֹת צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

פוּן דֶער אַנְדֶער זַיְיט שְׁטֵייט דָארְט: עָנִי שֶׁהֵבִיא מִנְחַת עָשִׁיר יָצָא, אוּן ווִי מְפָרְשִׁים טַיְיטשְׁן אִיז נִיט נָאר יָצָא בְּדִיעֶבַד, נָאר אוֹיךְ לְכַתְּחִלָּה, אוּן נָאךְ מֶערֶער: תָּבוֹא עָלָיו בְּרָכָה.

דֶער עִנְיָן פוּן דֶעם אִין רוּחְנִיּוּת אִיז: אוֹיךְ אַן עָנִי בְּדַעַת, וואָס

34. *I Melachim* 19:11-12.

35. *Zohar*, Vol. III, p. 227b.

36. The series of *maamarim* entitled *BeShaah Shehikdiimu, 5672*, Vol. 2, pp. 407ff., 822ff.

**37. *Negayim* 14:12.**

38. Rabbeinu Asher and Rabbeinu Shimshon of Shantz.

39. The concluding phrase translates a common Rabbinic expression that literally means "May blessing come upon him."

עֶס פֶּעלְט אִים אִין לִימּוּד נִגְלֶה דְּתוֹרָה אוּן אֲפִילוּ אִין קִיּוּם הַמִּצְוֹות בְּהִידּוּר, אוֹיךְ בַּיי אִים מָאנְט מֶען עֶר זָאל לֶערְנֶען פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה, מִנְחַת עָשִׁיר, אוּן דָאס גוּפָא וֶועט בְּרֶענְגֶען אַז תָּבוֹא עָלָיו בְּרָכָה, עֶס וֶועט זַיְין דֶער עַשֵׂר (מַאכְן זִיךְ רַייךְ) בִּשְׁבִיל שֶׁתִּתְעַשֵּׁר, וְאֵין עָשִׁיר אֶלָּא בְּדַעַת, עֶר וֶועט זַיְין אַן עָשִׁיר בְּרוּחְנִיּוּת, אִין זַיְינֶע חוּשִׁים וִיכוֹלֶת, אוּן עֶס וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיךְ אִין עֲשִׁירוּת כִּפְשׁוּטוֹ בְּגַשְׁמִיּוּת, בְּבָנֵי חַיֵּי וּמְזוֹנֵי רְוִיחֵי.

(משיחות שבת פרשת משפטים, תשט״ו, תשח״י)

***gleh*** **(the revealed, primarily legalistic dimension of the Torah) and** perhaps **even in his meticulous observance of *mitzvos*. Even so, he is asked** to bring **"a wealthy man's offering," to study *p'nimiyus haTorah* (the Torah's inner, mystical dimension).**

This approach **will serve as a conduit for blessing for him.** Such an approach leads to a figurative interpretation of our Sages' words,[41] ***Aseir bishveil shetisasheir,*** **"Act like a wealthy man so that you will become wealthy." "[The true definition of] wealth is solely an abundance of knowledge."**[42] One who studies *p'nimiyus haTorah* **will become spiritually wealthy,** gaining abundance **in his faculties and capabilities. This will also be translated into wealth in its simple sense: abundant children, health, and prosperity.**

40. *Nedarim* 41a.

41. *Taanis* 9a. The literal meaning of our Sages' statement is, "Tithe so that you will become wealthy."

42. Numerous Rabbinic sources building on *Nedarim,* loc. cit.

א) שקלים ריש פ״א.
ב) ברכות לב, א.
ג) שבת קמו, א. זהר ח״א נב, ב.
ד) זע בראשית רבה יב, ו.
ה) בראשית רבה יט, ז.
ו) זע וועגן דעם אלעם לקו״ש ח״א עמוד 41.
ז) זע ניצוצי אורות לזהר ח״ג יד, ב.
ח) שמות רבה כג, טו.
ט) מנחות נב, א.
י) תענית ב, א.
יא) תניא פמ״ז. זהר ח״ב קמ, ב.
יב) ויקרא רבה פ״ב, ב. זע אויך לקוטי תורה במדבר ט, ג.
יג) זע ראשית חכמה שער האהבה פ״ו (נאענט צום אנפאנג) און אין של״ה שער האותיות אות ל, מסכת תענית ריש ד״ה מענין העבודה. פרשת תרומה חלק תורה אור – שכה, ב. שכו, ב.
יד) זע תיקוני זהר תיקון יט (סא, א).
טו) נגעים בסופה.

# TERUMAH II | תרומה ב

Adapted from *sichos* delivered on *Shabbos Parshas Mishpatim,* 5715 and 5718 (1955 and 1958)

## Introduction

Sometimes, moderation isn't enough.

By and large, Judaism advocates following *Rambam's*[1] advice to maintain a middle path – to balance the expression of our emotional qualities through mindfully controlling the course of action we should follow. That approach is mirrored in conventional wisdom, which also generally favors adopting a balanced, measured approach to life.

Unquestionably, in ordinary situations, this is a valid path. However, there are moments that demand we transcend the structures of our ordinary conduct, times when the circumstances require us to step beyond the norm.

How do we navigate the balancing act involved in knowing when to follow the norms and when to disregard them? The answer lies at the heart of a teaching concerning the wooden boards used in constructing the Sanctuary in the desert.

The Torah specifies that these boards were to be made from *shittim* (acacia) wood. The root of that Hebrew term is related to the Hebrew root of *hataya* meaning "deviation" and also to that of *shtus* meaning "foolishness." These two concepts are related because foolishness is a deviation from the rational path.

Now, why would G-d's Sanctuary be constructed from materials whose very name suggests irrationality?

The Sanctuary – and the individual sanctuaries we construct in our lives – are intended to refine the elements of our personalities and the world around us so that they can become conduits for the revelation of G-dliness. Now, much of our day-to-day interactions involve foolishness, conduct that pulls us downward, involving a deviation that is below than the path of reason. How can a Sanctuary be made from such activity?

By introducing a different type of foolishness. Within each one of us lies the potential to break beyond the limits of reason and commit ourselves to G-d without any limits whatsoever. In this way, the foolishness below reason is transformed into the foolishness transcending reason. In doing so, we create a Sanctuary for G-d.

This teaching carries particular relevance today when much of the conduct we see in the world at large is illogical, breaking standards of normalcy that were taken for granted in previous generations. To transform the negative aspects of the breakdown of society's ongoing patterns, there is a need for breakthrough moments in the realm of holiness, committing ourselves to spreading goodness and truth without worrying whether our actions conform to the ordinary guidelines of reason and logic.

---

1. *Rambam's* introduction to Tractate *Avos,* entitled *Shemoneh Perakim,* ch. 4; *Hilchos De'os,* ch. 1

# Breaking Through the Barriers of Holiness

## Two Types of Folly

**1. Commenting on the verse,**[1] **"And you shall make the upright boards (*kerashim*) for the Sanctuary from acacia (*shittim*) wood,"** in his classic *maamar* entitled *Basi LeGani,*[2] **my revered father-in-law, the Rebbe** Rayatz, **explains that *shitim,* shares its root letters with the word *hataya,* which means "deviation."** Similarly, it shares its root letters with the word *shtus,* meaning "foolishness."

These words share an inherent connection. **There exists a middle path, which is the path of intellect and comprehension. Deviating from this middle path is identified with *shitim*** and ultimately results in ***shtus*, "foolishness."**

**In particular, there are two types** of **deviation: a) one below intellect, the foolishness of the "opposing force" (*leumas zeh*), as our Sages state, "A person will not transgress unless a spirit of folly enters him,"**[3] **and b) one above intellect, holy foolishness (*shtus d'kedushah*) similar to our Sages' statement, "The elder's folly benefited him."**[4]

**The service of the Sanctuary** in the desert **and the *Beis HaMikdash*** in Jerusalem **involved transforming the foolishness of the "other side"**[5] **and converting it into holy foolishness,** as explained **at length in that *maamar*.**

א. אוֹיפְן פָּסוּק וְעָשִׂיתָ אֶת הַקְּרָשִׁים לַמִּשְׁכָּן עֲצֵי שִׁטִּים עוֹמְדִים, אִיז מְבַאֵר כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּינוּ[טז], אַז שִׁטִּים אִיז מִלְּשׁוֹן הַטָּיָה – אָפְּנֵייגוּנְג.

עֶס אִיז פַּאראַן אַ מִיטְל־וועג, דָאס אִיז דֶער וועג פוּן שֵׂכֶל אוּן הַשָּׂגָה, אוּן דָאס אָפְּנוֹיגְן פוּן מִיטְל־וועג ווערְט אָנְגערוּפְן "שִׁטִּים", שְׁטוּת.

אוּן אִין דֶעם זַיְינֶען פַּאראַן צְווֵיי אוֹפַנִּים: א) דִי הַטָּיָה לְמַטָּה מֵהַשֵּׂכֶל, שְׁטוּת דִּלְעֻמַּת זֶה, וּכְמַאֲמַר רַזַ"ל: אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת[יז]. ב) דִי הַטָּיָה לְמַעְלָה מֵהַשֵּׂכֶל, שְׁטוּת דִּקְדוּשָּׁה, וְעַל דֶּרֶךְ מַאֲמַר רַזַ"ל אַהֲנֵי לֵיהּ שְׁטוּתֵיהּ לְסַבָּא[יח].

דִי עֲבוֹדַת הַמִּשְׁכָּן וּמִקְדָּשׁ אִיז צוּ מְהַפֵּךְ זַיְין שְׁטוּת דִּלְעֻמַּת זֶה אוּן מַאכְן פוּן אִיר שְׁטוּת דִּקְדוּשָּׁה, עַיֵּין שָׁם בַּאֲרִיכוּת.

1. *Shmos* 26:15.

**2. *Basi LeGani,* 5710, secs. 3-5.**

**3. *Sotah* 3a.**

**4. *Ketubos* 17a,** describing the manner in which Rav Shmuel bar Rav Yitzchak would rejoice at weddings. In recognition of the unique positive nature of his celebration, a pillar of fire was revealed at the time of his passing.

5. A Kabbalistic term for the forces of evil.

## When Moderation is Not Enough

**2. One cannot be content with the middle path. Holy folly,** conduct **that transcends reason and logic, is** of fundamental **necessity.**

**Had there not been unholy foolishness in the world, the middle path would have sufficed. However, the sin of the Tree of Knowledge introduced spiritual contamination into the world as a whole,** leading to **unholy foolishness.** A moderate, balanced path of holy conduct cannot **overcome** this influence. That is possible **only through holy folly.**

**The same pattern that applies to the world as a whole applies regarding every individual. A person who has sinned, caused a** spiritual **blemish, and strayed from the** proper **path – or even** done only **one of these three – can no** longer **follow the middle path. Rather, he must pursue a path that transcends moderation. As explained in *Igeres HaTeshuvah*,[6]** when **a bond** has been broken, reestablishing the connection requires **a two- and** even a **multi-fold bond.**

This aligns with ***Rambam's*** advice:[7] **While generally** he counsels **following the middle path, when** a person **has deviated too far in one direction,** *Rambam* advises that the way for **him to correct this is by** temporarily **going to the opposite extreme.[8]**

ב. מֶען קֶען זִיךְ נִיט בַּאנוּגֶענֶען מִיטְן מִיטְל־וֶועג, נָאר מֶען מוּז הָאבְּן שְׁטוּת דִּקְדוּשָּׁה דַּוְקָא, לְמַעְלָה מִטַּעַם וָדַעַת.

וָואלְט אִין וֶועלְט נִיט גֶעוֶוען דִי מְצִיאוּת פוּן שְׁטוּת דִּלְעֻמַּת זֶה, וָואלְט דֶעמָאלְט גֶענוּג גֶעוֶוען אוֹיךְ דֶער מִיטְל־וֶועג. בְּשַׁעַת אָבֶּער אַז דוּרְךְ חֵטְא עֵץ הַדַּעַת אִיז גֶעוָוארְן אִין כְּלָלוּת הָעוֹלָם זוּהֲמָא, שְׁטוּת דִּלְעֻמַּת זֶה, אִיז מִיט וָואס קֶען מֶען דָאס בַּייְקוּמֶען – מִיט שְׁטוּת דִּקְדוּשָּׁה דַּוְקָא.

אַזוֹי וִוי דָאס אִיז אִין כְּלָלוּת הָעוֹלָם, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, אַז אוֹיבּ עֶר הָאט חוֹטֵא גֶעוֶוען אוּן פּוֹגֵם גֶעוֶוען אוּן עָבַר אֶת הַדֶּרֶךְ, אָדֶער אֲפִילוּ נָאר אֵיינֶע פוּן דִי דְרַיי זַאכְן, קֶען עֶר דַאן נִיט גֵיין אוֹיפְן מִיטְל־וֶועג, נָאר עֶר מוּז גֵיין לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַמִּיצּוּעַ, אוּן לוֹיט וִוי עֶס וֶוערְט דֶערְקְלֶערְט אִין אִגֶּרֶת הַתְּשׁוּבָה[ט], אַז בִּמְקוֹם הַקֶּשֶׁר דַארְף זַיְין כָּפוּל וּמְכֻפָּל.

אַזוֹי זָאגְט אוֹיךְ דֶער רַמְבַּ"ם[י], אַז בִּכְלַל דַארְף מֶען גֵיין אִין מִיטְל־וֶועג. אוֹיבּ אָבֶּער מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין אֵיין רִיכְטוּנְג צוּפִיל, אִיז בִּכְדֵי דָאס צוּ מְתַקֵּן זַיְין, מוּז מֶען גֵיין אִין דֶעם צְווֵייטְן קָצֶה.

## Breaking Down Barriers

**3. Along these lines, we can understand why,** when describing G-d's promises to our Patriachs, **the Talmud[9] distinguishes the consummate virtue**

ג. לוֹיט דֶעם וֶועט מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין, וָואס דִי גְמָרָא בַּאצֵייכְנְט

6. *Tanya, Igeres HaTeshuvah,* ch. 9.

7. *Rambam's* introduction to Tractate *Avos,* entitled ***Shemoneh Perakim,*** **ch. 4.**

8. *Rambam* is speaking about the correction of a particular character flaw – that one attribute is imbalanced. Therefore, only a temporary adjustment is necessary. However, here the Rebbe is speaking about in all-encompassing negative pattern. Therefore, it must be corrected by an ongoing approach of holy folly.

9. ***Shabbos* 118b.**

דִי הֶעכְסְטֶע מַעֲלָה מִיטְן וָואְרט "וּפָרַצְתָּ". לֹא כְּאַבְרָהָם כו' וְלֹא כְּיִצְחָק כו' אֶלָּא כְּיַעֲקֹב שֶׁכָּתוּב בּוֹ וּפָרַצְתָּ יָמָּה וָקֵדְמָה וְצָפוֹנָה וָנֶגְבָּה[כא].

אִין פְּלוּג אִיז נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק, וָואס אִיז אַזוֹי דִי גְוַואלְדִיקֶע מַעֲלָה פוּן "וּפָרַצְתָּ", וָואס דָאס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע מַעֲלוֹת, וָואס עֶר רֶעכְנְט דָארְטְן אוֹיס אִין גְמָרָא?

וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין דֶערְקְלֶערְנְדִיק פְרִיעֶר נָאךְ אַ פְּרַט אִין דֶעם עִנְיָן "וּפָרַצְתָּ".

דֶער וָוארְט "וּפָרַצְתָּ" בַּאדַייְט נִיט סְתַּם צֶעשְׁפְּרֵייטְן זִיךְ, נָאר – אַרָאפְּנֶעמֶען מְחִיצוֹת. אִין אַ פֶעלְד אִיז נִיט שַׁייָךְ קֵיין פִּרְצָה, נָאר וֶוען עֶס אִיז דָא אַ בִּנְיָן אוּן אַ מוֹיעֶר, אוּן מֶען נֶעמְט אַרָאפּ פוּן דֶעם אַ חֵלֶק, הֵייסְט עֶס פִּרְצָה – "וּפָרַצְתָּ".

דֶעם בִּנְיָן אוּן גֶדֶר – אוֹיף וֶועלְכְן מֶען זָאגְט אַז אִין אִים דַארְף זַיְין וּפָרַצְתָּ – אִיז דָאךְ מוּכְרָח אַז עֶס אִיז אַ בִּנְיָן דִקְדוּשָּׁה. וָוארוּם אוֹיבּ עֶס אִיז אַ בִּנְיָן דִלְעֻמַּת זֶה, אִיז דָאךְ דָאס בֶּאֱמֶת נִיט קֵיין עִנְיָן פוּן בִּנְיָן, נָאר אַן עִנְיָן פוּן חוּרְבָּן אוּן פִּרְצָה (עַל דֶרֶךְ מַאֲמַר רַזַ"ל[כב] לֹא נִתְמַלְּאָה צוֹר אֶלָּא מֵחוּרְבָּנָהּ שֶׁל יְרוּשָׁלַיִם) אוּן בְּרֶעכְן אַזַא בִּנְיָן אִיז, אִין דֶער אֱמֶתְן, נִיט קֵיין וּפָרַצְתָּ, נָאר, אַדְּרַבָּה, בִּנְיָן. אוֹיבּ תּוֹרַת אֱמֶת רוּפְט עֶס אָן וּפָרַצְתָּ, מוּז מֶען דָאךְ זָאגְן, אַז דָאס אִיז אַ פִּרְצָה בַּאֲמִתִּיּוּת.

conveyed by these promises and blessings **by using the word *ufaratzta*[10]** "and you shall spread out," explaining that the unique promise and blessing to Yaakov was **"not like [that which was given to] Avraham... nor like [that given to] Yitzchak...." Instead,** the promise and blessing G-d gave **Yaakov was, "You shall spread out westward, eastward, northward and southward."[11]**

**At first glance, this is puzzling: What is so remarkable about *ufaratzta* that makes it a greater** promise and blessing **than all the other** promises and blessings **cited in that Talmudic passage?**

**This** query **can be clarified by first explaining another aspect of *ufaratzta*. *Ufaratzta* does not simply mean "and you shall spread out"[12] – it means "you shall break through"** or "you shall break down barriers." **A breach (*pirtzah*) cannot occur in an** open **field.** In order for there to be a breach, **there** must be **a building or a wall from which a section is removed.** By doing so, **one creates a breach –** he has broken through.

**The building and the barriers which** we **must break through must certainly be holy structures** and barriers within holiness. After all, **in truth, there is no** such thing as **a building of unholiness.** On the contrary, what appears to be a building of unholiness is **nothing but a ruin, something that has been broken down. In that vein, our Sages[13] state, "Tyre was built up only through Jerusalem's destruction." Breaking down such a ruin would not** appropriately **be termed *ufaratzta*, "breaking through." Instead, it would truly be considered building** because the destruction of a negative influence is a constructive activity. When **the Torah of truth uses the term *ufaratzta*, we must say that this refers to something that truly involves breaking down,** rupturing a structure of genuine substance, i.e., a breach in holiness.

---

10. Starting approximately 5718 (1958), the Rebbe associated Lubavitch outreach activities with the term *ufaratzta*, "you shall spread forth." A catchy melody based on that verse was composed in *Eretz Yisrael.* When it was sung at one of the Rebbe's *farbrengens,* he encouraged its singing. Afterwards, the melody became somewhat of a signature song for Lubavitch and the term became a byword for Lubavitch outreach efforts.

11. *Bereishis* 28:14.

12. See *Ramban* on *Bereishis* 38:29.

13. ***Pesachim* 42b, *Megilah* 6a, using slightly different wording.**

**At first glance, this is puzzling: What purpose or benefit is there in breaking down a structure** of holiness – **one that the Torah itself deems a proper building?**

**Based on the above explanation,** the resolution of this quandary **can be understood:** In an ultimate sense, **Divine service involves holy folly, going beyond the middle path. True, the middle path is** a valid and **straightforward path according to the Torah. Nevertheless,** ***ufaratzta*** **is asked** of a Jew – that he **transcend all limitations, even the limitations and boundaries of holiness, which are** themselves holy **structures.**

**This** capacity for **holy folly that transcends logic and reason – surpassing limitations, even holy limitations –** is identified with **the inheritance** which **Yaakov, the chosen one of the Patriarchs,** was promised. It is **the ultimate level,** the loftiest level of Divine service, **surpassing the inheritance granted Avraham and Yitzchak.**

אִיז דָאךְ אִין פְּלוּג נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק, וָואס פַאר אַ תַּכְלִית אוּן גוּטְס אִיז דָא אִין בְּרֶעכְן אַ בִּנְיָן, אַזַא בִּנְיָן וָואס תּוֹרָה רוּפְט עֶס בִּנְיָן?

אָבֶּער לוֹיט דֶעם אוֹיבְּן־גֶעזָאגְטְן וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין: דִי עֲבוֹדָה אִיז, שְׁטוּת דִקְדוּשָּׁה וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן מִיטְל־וֶועג, כָאטשׁ דֶער מִיטְל־וֶועג אִיז דָאךְ אַ גְלַייכֶער וֶועג עַל פִּי הַתּוֹרָה, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף זַיְין "וּפָרַצְתָּ", אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע הַגְבָּלוֹת, אוֹיךְ פוּן הַגְבָּלוֹת וּגְדָרִים פוּן קְדוּשָּׁה, וָואס זֵיי זַיְינֶען דָאךְ בִּנְיָן.

אוּן דֶער עִנְיָן פוּן שְׁטוּת דִקְדוּשָּׁה שֶׁלְמַעְלָה מִטַּעַם וָדַעַת, הֶעכֶער פוּן הַגְבָּלוֹת, אֲפִילוּ פוּן הַגְבָּלוֹת פוּן קְדוּשָּׁה, דָאס אִיז נַחֲלַת יַעֲקֹב, בְּחִיר שֶׁבָּאָבוֹת – תַּכְלִית הַמַּעֲלָה, הֶעכֶער פוּן נַחֲלַת אַבְרָהָם אוּן פוּן נַחֲלַת יִצְחָק.

## In Practice, Not Only in Theory

4. **This** discussion leads to a **practical directive:** ***Yeshivah*** **students and those who devote themselves to Torah study on the whole should not content themselves with the set times they have for Torah study. Even the schedules followed by the** ***mehadrin*** **(“the meticulous”) – and even the** ***mehadrin min hamehadrin*** **(“the most meticulous”) – are insufficient. Rather, there is a need to break through –** ***ufaratzta.*** Like **the folly of the elder** that **benefited him,**[4] there is a need for conduct that **transcends reason and goes beyond any set schedule.**

**Businesspeople** must follow a similar motif. **Their primary** focus in **Divine service involves the fulfillment of** ***mitzvos*** **– particularly the** ***mitzvah*** **of** ***tzedakah*** (charity), **which is equivalent to all**

ד. דִי אָנְווַייזוּנְג פוּן דֶעם בְּנוֹגֵעַ לְפוֹעֵל אִיז:

תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבוֹת אוּן יוֹשְׁבֵי אֹהֶל בִּכְלָל דַארְפְן זִיךְ נִיט בַּאנוּגֶענֶען מִיט דִי זְמַנִּים הַקְּבוּעִים וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אֲפִילוּ דִי זְמַנִּים קְבוּעִים פוּן מְהַדְּרִין, אוּן מְהַדְּרִין מִן הַמְהַדְּרִין זַיְינֶען אוֹיךְ וֵוייניק, נָאר עֶס דַארְף זַיְין – "וּפָרַצְתָּ", אַהֲנֵי לֵיהּ שְׁטוּתֵיהּ לְסָבָא, הֶעכֶער פוּן טַעַם וָדַעַת, הֶעכֶער פוּן אַלֶע זְמַנִּים הַקְּבוּעִים.

בַּעֲלֵי עֵסֶק, וָואס זֵייעֶר עִיקַר עֲבוֹדָה אִיז קִיּוּם הַמִּצְוֹת אוּן בִּפְרַט מִצְוַת הַצְּדָקָה שֶׁשְּׁקוּלָה כְּנֶגֶד כָּל הַמִּצְוֹת, אִיז דִי אַלֶע דְּבָרִים

**the** other ***mitzvos.***[14] **True, the set** measures **of charity, even the most exemplary forms discussed by the earlier and later** ***halachic*** **authorities, all constitute a superlative structure according to Torah. But that is not enough; there must be** ***ufaratzta,*** **a breaking through** all structures, **without any limits. As explained in** ***Iggeres HaTeshuvah***[15] **and** ***Iggeres HaKodesh,***[16] **"A person will give all that he has for his soul."**[17] **Even those who think they need not** give to this degree **because their** Divine service **is not at all lacking** should realize that **their Divine service also involves a deficiency. There is no end to the** expressions of **unity** that could be brought about in the sublime spiritual realms through their Divine service. **As such, they also must give to charity in a manner of** ***ufaratzta,*** without limiting their gifts at all.

הַקְבוּעִים שֶׁבִּצְדָקָה, אוּן אֲפִילוּ צְדָקָה מֵהַמּוּבְחָר ווִי דֶערְקְלֶערְט אִין פּוֹסְקִים וְאַחֲרוֹנִים, – כָאטשׁ סְ'אִיז אַ בִּנְיָן מוּבְחָר עַל פִּי תּוֹרָה – אִיז עֶס פַאר זֵיי נָאךְ אַלְץ ווֵיינִיק. עֶס דַארְף זַיְין וּפָרַצְתָּ אָן הַגְבָּלוֹת, אוּן ווִי עֶס ווֶערְט דֶערְקְלֶערְט אִין אִגֶּרֶת הַתְּשׁוּבָה[כג] אוּן אִגֶּרֶת הַקֹּדֶשׁ[כד], אַז כֹּל אֲשֶׁר לָאִישׁ יִתֵּן בְּעַד נַפְשׁוֹ. אוּן אֲפִילוּ דִי ווָאס מֵיינֶען, אַז זֵיי דַארְפְן צוּ דֶעם נִיט אָנְקוּמֶען ווַיְיל זֵיי פֶעלְט גָארְנִיט, – אָבֶער אִין דֶער עֲבוֹדָה פוּן יִחוּדִים עֶלְיוֹנִים פֶעלְט דָאךְ אוֹיךְ זֵיי, ווָאס דִי יִחוּדִים שֶׁלְמַעְלָה זַיְינֶען דָאךְ אֵין סוֹף, בְּמֵילָא דַארְפְן אוֹיךְ זֵיי גֶעבְן צְדָקָה אִין אַן אוֹפֶן פוּן וּפָרַצְתָּ.

## When All Barriers Will Be Broken

**5.** ***Mashiach*** **is referred to as** ***haporetz,*** **"the one who breaks through."**[18] **The** ***mitzvah*** – the call **of the hour – is to hasten his coming by studying Torah and fulfilling its** ***mitzvos*****, particularly the** ***mitzvah*** **of** ***tzedakah,*** **in a manner of** ***ufaratzta*****.**

**Unlimited Torah study by Torah scholars – especially** ***yeshivah*** **students – and unlimited fulfillment of** ***mitzvos*** **– particularly** ***tzedakah*** **by businesspeople – will** lead to complete unity. **In the words of the** ***maamar Basi LeGani,***[19] **"The roof and floor [will] become truly one." The Torah, the "roof," in spiritual terms, and its** ***mitzvos*** **– which are enclothed**

ה. אוֹיף מָשִׁיחַ'ן שְׁטֵייט דֶער לָשׁוֹן "פּוֹרֵץ"[כה]. אִיז דִי מִצְוַת הַשָּׁעָה, בִּכְדֵי צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם פּוֹרֵץ בְּקָרוֹב – עֶס זָאל זַיְין דֶער לִימּוּד הַתּוֹרָה אוּן קִיּוּם הַמִּצְווֹת וּבִפְרַט צְדָקָה אִין אַן אוֹפֶן פוּן וּפָרַצְתָּ.

דוּרְכְן לִימּוּד הַתּוֹרָה אָן הַגְבָּלוֹת פוּן יוֹשְׁבֵי אֹהֶל אוּן אִיבֶּערְהוֹיפְּט בְּנֵי־הַיְשִׁיבָה, אוּן דוּרְכְן קִיּוּם הַמִּצְווֹת וּבִפְרַט צְדָקָה אָן הַגְבָּלוֹת פוּן בַּעֲלֵי עֵסֶק, ווֶעט זַיְין כִּלְשׁוֹן הַמַּאֲמָר[כו]: "גַּג וְרִצְפָּה כְּאֶחָד מַמָּשׁ", תּוֹרָה ווָאס אִין רוּחְנִיּוּת אִיז דָאס "גַּג" (אַ דַאךְ) אוּן מִצְווֹת ווֶעלְכֶע

---

14. *Bava Basra* 9a.

**15.** ***Tanya, Iggeres HaTeshuvah,*** **ch. 3.** In that source, it is explained that just as a person whose health is failing will give anything and everything he owns to regain it, so too, a person aware of the blemishes within his soul will not restrain his gifts to charity when they are necessary to heal him spiritually.

**16.** ***Tanya, Iggeres HaKodesh,*** **Epistle 10,** ***et al.***

17. *Iyov* 2:4.

**18.** See *Michah* 2:13. ***Agadas Bereishis,*** **the end of ch. 63;** ***Rashi, Bereishis Rabbah,*** **the end of ch. 85.**

**19.** ***Basi LeGani,*** **ch. 9.** Every year on Yud Shvat, the anniversary of the passing of the Rebbe Rayatz, the Rebbe would review a chapter of the *maamar, Basi LeGani.* In the year this *sichah* was delivered, he reviewed ch. 9.

**in physical objects** and therefore can be termed **the "floor" – will become truly unified. All divisions, barriers, and limitations will disappear, and "the one who breaks through"[18] will proceed before us. May it happen speedily in our days.**

**זַיְינֶען אָנְגֶעטָאן אִין גַשְׁמִיּוּת'דִיקֶע זַאכְן – "רִצְפָּה", וֶועלְן זַיְין כְּאֶחָד מַמָּשׁ, אוּן עֶס וֶועלְן אַרָאפְּגֵיין אַלֶע הַבְדָּלוֹת, מְחִיצוֹת וְהַגְבָּלוֹת, אוּן עֶס וֶועט זַיְין יַעֲלֶה הַפּוֹרֵץ לְפָנֵינוּ בְּקָרוֹב מַמָּשׁ.**

(משיחת יו"ד שבט, תשי"ט)

---

טז) באתי לגני תש"י, ס"ג ואילך.
יז) סוטה ג, א.
יח) כתובות יז, א.
יט) פ"ט.
כ) פ"ד משמונה פרקים.
כא) שבת קיח, ב.
כב) פסחים מב, ב. מגילה ו, א (בשינוי לשון).
כג) פ"ג.
כד) סי' י, ועוד.
כה) אגדת בראשית ס"פ סג. רש"י בבראשית רבה ס"פ פה.
כו) באתי לגני תש"י ס"ט.

# TERUMAH III | תרומה ג

Adapted from a *sichah* delivered on *Simchas Torah,* 5719 (1958)
(This *sichah* was included as a clarification of the concepts mentioned in the previous *sichah.*)

## Introduction

*Ufaratzta* (literally, "And you shall spread out…," or, "And you shall break through,") has become a Chabad by-word referring to breaking through all manner of limitations. However, it is often discussed in abstract terms. Frequently, it remains there, in the realm of the abstract, without being applied to everyday life.

In the *sichah* that follows, the Rebbe provides detailed guidance for applying the concept of *ufaratzta* in various aspects of our lives. Starting with Torah study and moving through prayer and acts of kindness, he demonstrates how this principle can transform our approach to Divine service on a day-to-day basis.

Taking the concept past generalities, the Rebbe shows how it applies differently to various groups – Torah scholars, businesspeople, and teachers. For each, "breaking through" means transcending their particular set of limitations, whether those are time constraints, financial considerations, or professional boundaries.

# To Break Through All Barriers

## When No Barriers Present an Obstruction

**As mentioned,** the mode of *ufaratzta* (**"breaking through"**) **should** characterize **all matters.** Now **is the beginning of the year and** the beginning of a new **order** – a new **pattern of Divine flow from above downward** has begun. To enhance the outpouring of Divine blessing, **first** and foremost, **there should be** ***ufaratzta*** **in Torah** study. **One should study Torah abundantly, without looking at the clock.**

**If the above** directive **needs to be emphasized to full-time scholars, how much more** so should it be emphasized **to businesspeople. A businessman should not remain content with the fixed times for Torah study that he establishes based on what he thinks** is appropriate for him. **Instead,** his study **should be** characterized by ***ufaratzta*.**

**One of the chassidim of the Alter Rebbe interpreted** our Sages'[1] dictum that a person fulfills his obligation for Torah study by studying *perek echad shacharis veperek echad arvis*, **"One portion in the morning and one portion in the evening,"** as follows:

> When interpreting the statement figuratively, **"one portion"** means that a person **should study the Torah in a manner that G-d's oneness (*echad*) takes him apart**[2] **(*mefereik*)** and permeates him entirely.[3] **Then,** it will be **"morning"** – his life **will become illuminated. "And one portion" – when the G-d's oneness takes him apart** and permeates him entirely, **there will be "evening" (*arvis*)** – he will perceive the **sweetness (*areivus*)** of G-dliness.[4]

*מֶען הָאט גֶערֶעדט, אַז עֶס דַארְף זַיְין דֶער עִנְיָן פוּן "וּפָרַצְתָּ" אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַזוֹי ווִי עֶס אִיז דָאךְ דֶער אָנְהוֹיבּ פוּן יָאר אוּן פוּן סֵדֶר, דֶער סֵדֶר הַהַמְשָׁכָה מִלְמַעְלָה לְמַטָּה, אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף זַיְין דֶער "וּפָרַצְתָּ" אִין תּוֹרָה. מֶען דַארְף לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּשׁוּפִי, נִיט קוּקְן אוֹיפְן זֵייגֶער.

אוֹיבּ מֶען דַארְף דָאס בַּאווָארֶענֶען יוֹשְׁבֵי אֹהֶל, אִיז מִכָּל שֶׁכֵּן אַז מֶען דַארְף דָאס בַּאווָארֶענֶען בַּעֲלֵי עֵסֶק. דֶער בַּעַל עֵסֶק זָאל נִיט ווֶעלְן יוֹצֵא זַיְין מִיט אַ קְבִיעוּת עִתִּים לַתּוֹרָה ווִי עֶס קוּמְט אוֹיס לְדַעְתּוֹ, נָאר עֶס דַארְף זַיְין "וּפָרַצְתָּ". "פֶּרֶק אֶחָד שַׁחֲרִית וּפֶרֶק אֶחָד עַרְבִית" – הָאט גֶעטַיְיטְשְׁט דֶעם אַלְטְן רֶבִּינְ'ס אַ חָסִיד – אַז דֶער לִימּוּד הַתּוֹרָה דַארְף זַיְין בְּאוֹפֶן פוּן "פֶּרֶק אֶחָד" – אַז דֶער "אֶחָד" זָאל אִים פַּאנַאנְדֶערְנֶעמֶען, דֶעמָאלְט אִיז "שַׁחֲרִית" – ווֶערְט לִיכְטִיק. "וּפֶרֶק אֶחָד" – בְּשַׁעַת דֶער "אֶחָד" נֶעמְט אִים פַּאנַאנְדֶער, אִיז "עַרְבִית" – ווֶערְט זִיס.

1. *Menachos* 99b.

2. The Hebrew root פרק, translated in the quote from our Sages as "portion," also means "break apart."

3. Possibly, it could be said that this concept is connected to *ufaratzta,* spreading forth without boundaries, in that the Torah spreads through the person's entire being. It also connects the concept explained above (p. 19) that *poretz,* the root of *ufaratzta,* means to break down.

4. ערב, the root of the word, ערבית, "evening," also means "sweet."

The approach of *ufaratzta* **should be extended from Torah study to** Divine **service – prayer. One should pray – engage in Divine service – in a mode of *ufaratzta*. Full-time scholars should engage in extended contemplation before prayer, during prayer, and after prayer as well.** Although **businesspeople have an** authorized **limitation on contemplation during prayer,** they should **restrict this limitation.** In other words, their prayer **should not be so rushed and brief that there is no room** for extended contemplation entirely. Such people must be able to pierce at least **a "needle's point"** into their prayers, creating a moment when they open themselves up and contemplate G-d's greatness. They can then rely on our Sages' promise **that** if they provide **"an opening [even] as narrow as a needle's point, [G-d] will open for [them] an opening as wide as the entrance hall to the *Beis HaMikdash*."**[5]

**In material matters, there are times when, in one moment, it is possible to earn more than one could earn in several hours on another occasion. Similar concepts apply concerning prayer. It may be that one does not have much time, but in the time that he does have, he should** thoroughly **immerse himself in the Divine service of prayer. G-d will grant him success and enable him to achieve** much **in that short amount of time.**

**Prayer involves an approach of *ratzo*,** yearning to ascend upward and unite with one's source. Operating from this base, **it is necessary to extend** the approach of ***ufaratzta*** **into** the realm of **acts of kindness as well.**[6]

**As discussed at length regarding** the verse,[7] **"Those who support it are fortunate" – this refers to those who support Torah** scholars. Giving **a tenth**

פוּן תּוֹרָה דַארְף מֶען דָאס מַמְשִׁיךְ זַיְין אוֹיךְ אִין עֲבוֹדָה – תְּפִלָּה, אַז עֶס זָאל זַיְין דֶער "וּפָרַצְתָּ" אִין עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה. בַּיי יוֹשְׁבֵי אֹהֶל דַארְף זַיְין אַ לַאנְגֶע הִתְבּוֹנְנוּת פַאַרְן דַאוֶונֶען, בְּשַׁעַת'ן דַאוֶונֶען אוּן אוֹיךְ נָאכְן דַאוֶונֶען. בַּעֲלֵי עֵסֶק, וָואס בַּיי זֵיי אִיז דִי הִתְבּוֹנְנוּת בִּתְפִלָּה בַּאגְרֶענֶעצְט, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף דִי הַגְבָּלָה אוֹיךְ הָאבְּן אַ הַגְבָּלָה, עֶס זָאל נִיט זַיְין בְּאוֹפֶן אַז סְ'אִיז אַזוֹי שְׁנֶעל אוּן קוּרְץ אַז סְ'אִיז נִיטָא קֵיין אָרְט וואוּ אַרַיְינְשְׁטֶעקְן אַ נָאדְל, וָואס דוּרְכְן "פִּתְחוּ לִי כְּחוּדוֹ שֶׁל מַחַט", אִיז "אֶפְתַּח לָכֶם כְּפִתְחוֹ שֶׁל אוּלָם".

פוּנְקְט ווִי אִין גַשְׁמִיוּת, קֶען עֶר דָאךְ אַמָאל אִין אֵיין מִינוּט פַארְדִינֶען פִיל מֶער ווִי אַן אַנְדֶער מָאל אִין אַ סַךְ שָׁעָה'ן, אַזוֹי אוֹיךְ, לְהַבְדִיל, אִין דַאוֶונֶען, הֲגַם עֶר הָאט נִיט קֵיין סַךְ צַיְיט, אָבֶּער דִי צַיְיט וָואס עֶר הָאט, דַארְף עֶר טָאן אִין עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה, אוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ וֶועט אִים גֶעבְּן הַצְלָחָה, אַז דוּרְךְ דֶער בִּיסְל צַיְיט וֶועט עֶר אוֹיפְטָאן.

תְּפִלָּה אִיז דָאךְ רָצוֹא, אִיז פוּן דֶעם דַארְף מֶען מַמְשִׁיךְ זַיְין דֶעם "וּפָרַצְתָּ" אוֹיךְ אִין קַו פוּן גְמִילוּת חֲסָדִים. וָואס דָאס אִיז דָאךְ וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדט בַּאֲרִיכוּת דֶעם "וְתוֹמְכֶיהָ מְאֻשָּׁר", וָואס תּוֹמְכֶיהָ גֵייט אוֹיף תָּמְכִין דְאוֹרַיְיתָא – מַעֲשֵׂר

---

5. See *Shir HaShirim Rabbah* 5:3. See the *Tzemach Tzedek's* notes on *Likkutei Torah, Bamidbar,* p. 55a, where he cites this teaching, noting that the *Midrash, Yalkut Shimoni,* and the *Zohar* use slightly different wording, but highlights the wording used in the main text. See *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 191, footnote 17.

6. In *Chassidus*, it is explained that the Divine service of *ratzo,* "yearning to cling to G-d," must be balanced by the opposite motif, *shov,* a return to balanced existence within this world. This is reflected in the performance of acts of kindness.

7. *Mishlei* 3:18.

of one's earnings to *tzedakah* **is obligatory**[8] **and giving a fifth was established** as a desired standard by the Sages **in Usha.**[9] Moreover, as **explained in *Iggeres HaTeshuvah***[10] **and *Iggeres HaKodesh*,**[11] one should give **even more than a fifth to rectify undesirable matters.** Those texts **discuss** extending such generosity **from the perspective of rectifying sins. How much more so** does this concept apply **concerning** generously offering charity or fulfilling other *mitzvos* with a totally positive intent.[12]

**It is related**[13] **that the Baal Shem Tov would give more than a fifth** of his earnings **to charity. He was questioned** regarding this practice based on the teaching,[6] "One who gives [to charity] extravagantly (*mevazbez*) **should not give more than a fifth." The Baal Shem Tov responded that the term *mevazbez*** "gives extravagantly" **is related to the word *bizah* ("plunder," that is used in the context of war and similar situations). In other words, a person who does not want to give – and who must therefore wage war with himself, compelling himself** as if **through force and plunder, to tear** the money **away from himself – is** told: **Do not give more than a fifth. However,** when **one gives with joy and pleasure, what difference is there between charity and other pleasures and needs on which he spends money?** Just as he spends lavishly on other things he wants, he will not content himself with giving merely a fifth to charity.

A person **might argue** that the above concept does not apply to him because **he has not yet reached the level where he derives joy and pleasure from giving charity. However, the theme of *ufaratzta*** must also be emphasized in such matters; **one must break through** his self-imposed barriers and limitations. Moreover, the possibility of giving **with joy and pleasure is enhanced**

**אִיז דָאךְ אַ חִיּוּב, אוּן חוֹמֶשׁ מִצַּד תַּקָּנַת אוּשָׁא, אוּן אֲפִילוּ יוֹתֵר מֵחוֹמֶשׁ, אִיז עֶר דָאךְ מְבֹאָר אִין אִגֶּרֶת הַתְּשׁוּבָה וְאִגֶּרֶת הַקֹּדֶשׁ, אַז מֶען דַארְף עֶס אוֹיךְ טָאן מִצַּד תִּיקּוּן אוֹיף עִנְיָנִים בִּלְתִּי רְצוּיִים. דָארְטְן – אִין אִגֶּרֶת הַתְּשׁוּבָה וְאִגֶּרֶת הַקֹּדֶשׁ – רֶעדט עֶר דָאס מִצַּד דֶעם קַו פוּן תִּיקּוּן עַל עֲווֹנוֹת כו׳, וּמִכָּל שֶׁכֵּן בְּשַׁעַת דָאס אִיז אִין דֶעם אַנְדֶער קַו[כז].**

**מֶען דֶערְצֵיילְט[כח], אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעגֶעבְּן צְדָקָה מֶער ווִי אַ פִינְפְטְל, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אַל יְבַזְבֵּז יוֹתֵר מֵחוֹמֶשׁ? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז הַמְבַזְבֵּז אִיז מִלְּשׁוֹן בִּזָּה (וָואס אִיז בַּיי מִלְחָמוֹת וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה), דָאס הֵייסְט דֶער וָואס ווִיל נִיט גֶעבְּן אוּן עֶר דַארְף מִיט זִיךְ מִלְחָמָה הָאבְּן, פּוֹעֵל׳ן בְּדֶרֶךְ כְּפִיָּה וּבְדֶרֶךְ בִּזָּה, אָפְּרַייסְן דָאס בַּיי זִיךְ, אִיז אַל יְבַזְבֵּז יוֹתֵר מֵחוֹמֶשׁ. דַאקֶעגְן דֶער וָואס גִיט דָאס בְּשִׂמְחָה וּבְעוֹנֶג (אִיז מִיט וָואס אִיז אַנְדֶערְשׁ צְדָקָה פוּן אַנְדֶערֶע תַּעֲנוּגִים אוּן בַּאדֶערְפֶענִישְׁן אוֹיף וֶועלְכֶע עֶר גִיט אוֹיס גֶעלְט?).**

**קֶען מֶען דָאךְ טַעֲנֶה׳ן, אַז מֶען הַאלְט נָאךְ נִיט דֶערְבַּיי אַז דִי צְדָקָה זָאל זַיין בְּשִׂמְחָה וּבְתַעֲנוּג, אִיז דָאךְ אָבֶּער אוֹיף דֶעם דֶער "וּפָרַצְתָּ". בִּפְרַט, ווֶען מֶען אִיז דָאךְ זִיכֶער**

---

8. *Rambam, Hilchos Matanos Aniyim* 7:5.

9. *Ketubos* 50a. See *Rambam*, loc. cit.

10. *Tanya, Iggeres HaTeshuvah,* ch. 3. See the preceding *sichah*, footnote 12.

11. *Tanya, Iggeres HaKodesh,* Epistle 10, *et al.*

**12. See *Kesubos* 67b; *Zohar,* Vol. III, p. 9b; *Nimukei Yosef, Bava Kama* 9a; *Shulchan Aruch, Orach Chayim,* sec. 656, and commentaries. This is not the place** for further discussion of the matter.

**13. *Orach LeChayim, Parshas Terumah; VeTzivah HaKohen,* ch. 15.**

**since we are assured of** G-d's **promise,**[14] **"Test Me, please, in this matter"**– i.e., G-d has guaranteed that He will reward gifts of *tzedakah* with abundant prosperity.

***Ufaratzta*** **must also** characterize **those who work in holy institutions. Just as students are expected not to "watch the clock," so too,** must **the teachers** and the others who work in the school approach their work with a similar boundless dedication. **They should not merely "put in their hours," but should be completely immersed** in their work, devoting themselves **without calculations.**

**By conducting oneself with an approach of** ***ufaratzta*** **in all the above matters, G-d will enable each individual to experience** ***ufaratzta*** **in his personal matters,** breaking through any restrictions that existed beforehand, thus, leading **to "an inheritance without boundaries"**[15] in all his personal affairs.

אִין דֶעם צוּזָאג "וּבְחָנוּנִי נָא בָּזֹאת" – הֶעלְפְט עֶס צוּ שִׂמְחָה וְתַעֲנוּג. אוֹיךְ דַארְף זַיְין דֶער "וּפָרַצְתָּ" בַּיי דִי וָואס אַרְבֶּעטְן אִין דִי מוֹסְדוֹת הַקְדוֹשִׁים. פּוּנְקְט ווִי מֶען מָאנְט בַּיי דִי תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן נִיט קוּקְן אוֹיפְן זֵייגֶער, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בַּיי דִי רַמִי"ם וכו', אַז נִיט זֵיי דַארְפְן "אָפְּאַרְבֶּעטְן" זֵייעֶרע "אַרְבֶּעט-שָׁעוֹת", נָאר מֶען דַארְף לִיגְן אִין דֶעם אָן חֶשְׁבּוֹנוֹת וכו'.

אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען וֶועט זִיךְ פִירְן לוֹיט "וּפָרַצְתָּ" אִין דִי אַלֶע אוֹיבְּנְגֶעזָאגְטֶע עִנְיָנִים, וֶועט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן דֶעם "וּפָרַצְתָּ" יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיךְ בְּעִנְיָנָיו הַפְּרָטִים, בִּיז* צוּ "נַחֲלָה בְּלִי מְצָרִים".

(משיחת שמחת תורה, תשי"ט)

---

14. *Malachi* 3:10.

15. The source of the phrase, **"an inheritance without boundaries,"** is **in the** ***Talmud, Shabbos*** **118a.** There, **it appears that it is identical with the concept of** ***ufaratzta.*** However, **in a** ***sichah*** delivered on **13 Tishrei, 5719,** (***Toras Menachem,*** **Vol. 24, p. 49), proof was brought from that passage of the Talmud itself** that the two – *ufaratzta* and "an inheritance without boundaries" – are separate matters, **as stated in the main text.**

---

*) צוליב פולקאָמערער דערקלערונג פון די אותיות טו-טז, ברענגען מיר די פאָלגנדיקע שיחה.

כז) זע כתובות סז, ב. זהר ח"ג ט, ב. נמוקי יוסף צו בבא קמא ט, ב. שולחן ערוך אורח חיים סימן תרנ"ו ובנושאי כלים שם. ואין כאן מקומו.

כח) הובא בספר אורח לחיים פרשת תרומה ובספר וציוה הכהן פט"ו.

*) הגם שמדברי הגמרא (שבת קיח, ב) מוכח לכאורה אשר נחלה בלי מצרים הוא ענין אחד עם ופרצת, – כבר נתבאר בשיחת י"ג תשרי תשי"ט ראיה בגמרא זו גופא כמו שכתוב בפנים.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Yosef Greenbaum
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
David Hendler
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה"ת ר' משה יהודה בן ר' צבי יוסף ע"ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie